בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

חג הסוכות
ט"ו תשרי תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:52 |
| מוצש"ק | 7:02 |
| ר"ת | 7:43 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:46 | סוז"ת א' | 10:01 |
| סוזק"ש ב' | 9:30 | סוז"ת ב' | 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': נ

## טיב המערכת

### עולו עולו אוּשְׁפִּיזִין

מיר שטייען אינמיטן דעם הייליגן חודש תשרי, וואס ווערט אנגערופן יֶרַח הָאֵיתָנִים. עס זענען נארוואס דורכגעגאנגען די הייליגע טעג פון ראש השנה און יום כיפור, און אויף זייער ארט זענען געקומען די פרייליכע טעג. דער שארפער איבערגאנג פון די הייליגע טעג צו די פרייליכע טעג, איז אימשטאנד אונז צו פארטומלען, ווען דער אנגעשטרענגטער אטמאספער פונעם אימת הדין וואס האט געשוועבט איבער אונז, האט זיך פלוצלונג אויפגעטרישט מיט א פרייליכע און לוסטיגע אטמאספער.

אינצווישן דאס אלעס, שטייט דער שטן, דער יצר הרע וועלכער לאזט נישט נאך פאר א רגע, און קען נישט צוזען ווי מיר טוען שטייגן, און ער פראבירט דווקא אויסנוצן די געהויבענע טעג כדי אונז צו מאכן פאלן אין זיין נעץ. פלוצלונג פילט מען אז די נסיונות האבן זיך צוריקגעקערט, דעם טאג-טעגליכן פארמעסט אויף יעדן דבר מצוה, דעם רצון צו היטן די קבלות וואס מען האט מקבל געווען אויף זיך אין די הייליגע טעג, ווערט פלוצלונג פארוואנדלט אין א שווערן נסיון, און צומאל פאלט מען אפילו דורך חלילה, און דעמאלטס קומט די אמת'ע נפילה, וואס דאס איז די עצבות און דער יאוש.

אינעם הייליגן יום טוב סוכות טוען מיר לאדענען די זיבן הייליגע אושפיזין צו אונזער סוכה. אויב מיר ווילן אריינטראכטן וואס די הייליגע אושפיזין האבן מיטגעמאכט ביי זייער לעבן, וועלן מיר זען אז זייער גאנצער גרויסקייט האבן זיי דערגרייכט דורך נסיונות.

אנגעהויבן פון אברהם אבינו וועלכער איז דורכגעגאנגען צען שווערע נסיונות, און נאר נאך דער נסיון פון די עקידה האט דער אויבערשטער געזאגט צו אים 'כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי יְרֵא אֱלֹקִים אַתָּה', און אזוי ווייטער ביי אלע אנדערע זעקס הייליגע אושפיזין, וואס יעדער איינער פון זיי האט געהאט זיינע נסיונות.

די גמרא זאגט אויף ישי, דער טאטע פון דוד המלך, אז ער איז געווען איינער פון די פיר מענטשן וועלכע זענען נאר געשטארבן צוליב דעם זינד פונעם שלאנג. דאס מיינט אז זיי האבן נישט געהאט אפילו דער קלענסטער שאטן פון אן עבירה, און פונדעסטוועגן ווערט ער נישט גערעכנט צווישן די אושפיזין, דאס איז וויבאלד פאר די הנהגה פון כלל ישראל זענען אויסגעוועלט געווארן מנהיגים וועלכע האבן ביי זייער לעבן זיך געטון פארמעסטן מיט שווערע נסיונות און זענען עס בייגעשטאנען מיט הצלחה.

מעגליך דערפאר טוען מיר לאדענען די הייליגע אושפיזין אינעם יום טוב סוכות, כדי אונז צו ווייזן און אונז לערנען אז מיר זאלן זיך נישט דערשרעקן פון די נסיונות, ווייל נאר אזוי מאכט מען פארשריט אין לעבן. עס איז כמעט נישטא קיין עושר וואס האט דערגרייכט זיין רייכקייט, אנדעם וואס פריער האט ער זיך געדארפט פארמעסטן מיט שווערע מצבים, אויך א מנהיג באקומט חשיבות נאר נאכדעם וואס ער האט זיך פארמאסטן מיט עטליכע דורכפעלער און האט זיי דורכגעשוויצט מיט הצלחה.

אויך דו, אויב וועט נאכאמאל אנקומען צו דיר א נסיון, ווער נישט דערשראקן, נאר רוף אויס הויך אויפן קול: עולו עולו אושפיזין עילאין! ווייל די נסיונות זענען אונזער לייטער זיך צו דערהייבן העכער און העכער. זעלבסט-פארשטענדליך אז מען דארף זייער אכטונג געבן פון נסיונות, און א מענטש טאר זיך נישט אריינלייגן אין א נסיון, אזוי ווי מיר זאגן יעדן טאג 'וְאַל תְּבִיאֵנִי לִידֵי נִסָּיוֹן'.

עס איז זיכער, אז אין זכות וואס מיר וועלן גיין אין די וועגן פון די הייליגע אושפיזין, וועלן מיר קענען ביישטיין אלע נסיונות, און שטייגן אלס העכער און העכער.

(עפ"י טיב המועדים תשרי-סוכות)

## טיב הפרשה

# אחורתיו ולא ארפנו

## די סוכה דערמאנט דעם מענטש אז ער איז אויף די וועלט אַן עראי

שטייענדיג אין די הייליגע טעג פון דער יום טוב סוכות און האבנדיג די זכיה צו מקיים זיין די הייליגע מצוה פון בסוכות תשבו שבעת ימים, לאמיר זיך מתבונן זיין אין די גרויסקייט פון די טעג און אין די מצוה וואס הקב"ה האט אונז געגעבן אין די טעג.

ווען מען טראכט אריין אין די מצוה קען מען טרעפן אין איר אסאך טייערע נקודות, אבער דער שפיץ פון די נקודות איז די נקודה פון די 'עראי' קעגן די קבע.

די סוכה איז א פראוואזארישער געביידע. זיין געבוי, זיין געשטעל, שרייט אויס צייטווייליגקייט. אירע ווענט זענען נישט באפעסטיגט, עס איז פול מיט לעכער, דורך אירע שפאלטענעס קומען אריין קעלט און היץ און טאקע די עראי'דיגע געשטעל וויל הקב"ה אז א איד זאל געדענקען און מיטנעמען אויף א גאנץ יאר.

די מצוה דינט אלץ דערמאנונג פאר א גאנץ יאר אז א איד זאל וויסן און געדענקען אז מען קען נישט אנקומען צו עבודת הבורא נאר אז מען געדענקט און מען נעמט אריין אין זיך די נקודה, אז די גשמיות'דיגע וועלט איז אן עראי, אן איבערגאנג, ווייל אז מען איז קלאר אין די נקודה געבט עס כח פאר'ן מענטש ער זאל קענען שטייגן מעלה מעלה אין עבודת השם.

די טעג פון סוכות איז איין לאנגער קייט פון התעלות, ווען יעדן טאג איז מען זוכה ארויפצוגיין העכער, ווי מען טרעפט דערוועגן אין אסאך ערטער און באזונדער אין די ווערטער פון דער הייליגער בן איש חי זצ"ל אין די תפילות וואס ער האט מחבר געווען אויף די טעג, וואס אויף יעדן טאג האט ער מחבר געווען א צווייטע תפילה.

אין די תפילות בעט מען פון דעם בורא עולם אז מיר זאלן זיין א מרכבה פאר די הייליגע מידות וואס זענען מרומז אין דעם יעניגן טאג, ווי אין דעם ערשטן טאג בעט מען אויף חסד, דעם צווייטן טאג בעט מען אויף גבורה און די דריטע טאג אויף תפארת און אזוי גייט עס ווייטער און ווייטער, ווייל אין די טעג גייט מען מעלה, און עס פארמאגט אין זיך ספעציעלע סגולות און כוחות אז מען זאל

>>> | המשך אין עמוד ב' |

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

טיב
ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

קענען עולה זיין צו גרעסערע און צו העכערע דרגות אין עבודת השם און אין תיקון המידות.

עס איז אונזער פליכט אויסצונוצן די טעג און זיי נישט ארויסלאזן פון די הענט, און די וועג וויאזוי מיר וועלן אנקומען דערצו איז דורך וועלן און שטרעבן צו שפירן קירבת השם, שמחה של מצוה, אויסצושרייען פון טיפן הארץ צום בורא כל העולמים אז מיר ווילן דיר, אז מיר זענען בוחר אין דיר, רבוש"ע, און מיר פרייען זיך ווען מיר קענען טון דיין רצון, ווייל עס איז נישט דא עפעס אנדערש אין די בריאה אויסער דיר.

די געשריי דארף זיין אין די בחינה פון די מעשה פלא וואס ווערט אראפגעברענגט אין דעם מדרש [ילקו"ש פרשת בראשית רמז טז] צו א איד וואס האט חתונה געהאט מיט זיין ווייב און געוואוינט מיט איר צען יאר אבער זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער.

ווען עס איז אריבער צען יאר און זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער, איז דער מאן געקומען צו רבי שמעון בר יוחאי און אים געזאגט אז זיי האבן נישט קיין קינדער און זיי ווילן זיך צושיידן. דער מאן האט געזאגט פאר'ן פרוי אז איידער זי גייט אהיים אין שטוב קען זי נעמען וואס זי וויל פון שטוב און עס אהיינעמען צו איר טאטן אין שטוב.

רבי שמעון האט אויסגעהערט זייער טענה און זיך אנגערופן צו זיי אז זיי זאלן זיך צושיידן, אבער אזוי ווי ווען זיי האבן חתונה געהאט איז די חתונה געווען מיט א גרויסע סעודה, זאל דער צושיידונג אויך זיין מיט א סעודה.

ווען די פרוי האט עס געהערט, האט זי אנגעגרייט א גרויסע סעודה. ביי די סעודה האט זי געגעבן פאר איר מאן צו טרינקען אסאך וויין. דער מאן האט זיך אנגעטרינקען און איז געווארן גוט שיכור. ווען ער איז שוין געווען גוט בגילופין, האט די פרוי געבעטן פון אירע ברידער אז מען זאל אריבערפירן איר מאן צו איר טאטן אין שטוב.

דער מאן איז טיף געשלאפן. ער האט נישט געשפירט ווי מען פירט אים אריבער. ווען ער האט זיך אויפגעוועקט און זיך געטראפן ליגן אין א בעט, האט ער געפרעגט פון זיינע ארומיגע: וואו בין איך? האט אים זיין ווייב געזאגט אז ער געפינט זיך ביי איר טאטן אין שטוב.

וואס טוה איך דא? האט דער מאן געוואלט פארשטיין. די פרוי האט אים געגעבן צו פארשטיין אז נאכדעם וואס ער האט איר געזאגט אז זי קען נעמען וואס זי וויל צו איר טאטן אין שטוב, האט זי באשלאסן אז זי נעמט אהיים דער זאך וואס זי האט די מערסטע ליב צו איר עלטערנ'ס הויז און דאס איז 'אים אליין', ווייל דאס איז די בעסטע זאך וואס איז דא אין הויז.

אזא סארט הרגשה דארף א איד האבן קעגן דעם בורא כל העולם. ער דארף שפירן אז דער רבוש"ע איז די בעסטע חפץ וואס ער האט אויף די וועלט און גלוסטן צו אים און זיך נאר וועלן מדבק זיין אין אים. ווען ער וועט דאס שפירן וועט ער ווערן נענטער און אנקומען צו די דרגה וואס מען זאגט אין שיר השירים פון 'אחזתיו ולא ארפנו', און דאן וועט ער שוין גארנישט דארפן אויסער הקב"ה, און אלע אנדערע זאכן אויף די וועלט וועלן אויסזען ביי אים ווי נארישקייטן און קליינינקייטן, ווייל ער איז דאך דבוק אין די עיקר פון די בריאה.

אז דער מענטש זאל אנקומען צו די דרגה פאדערט זיך פון דעם מענטש אסאך יגיעה, און די התחלה פון די זאך הייבט זיך אן מיט די דערמאנטע נקודה אז דער מענטש זאל זיך אפשיידן פון די ערדישע הנאות, פון די גשמיות'דיגע גלוסטענישן, ווייל די תענוגים פון די וועלט מיט די אהבת השם גייט נישט אינאיינעם, נאר זיי זענען א סתירה, און ווי דער חובת הלבבות אין שער חשבון הנפש [פרק ג'] שטעלט עס דארט אוועק אז זיי זענען ווי פייער און וואסער.

אזוי ווי עס איז אוממעגליך אז פייער און וואסער זאלן זיין אין די זעלבע פלאץ און בהכרח וועט זיך איינער שטארקן אויף דעם אנדערן, איז די זעלבע זאך אויך ווען עס קומט צו תאוות העולם הזה און אהבת השם, אז איינער שטופט אוועק דעם אנדערן, ווייל זיי גייען נישט אינאיינעם. אויב דער איד איז זוכה און די אהבת השם איז שטערקער וועט די גשמיות ווערן אונטערטעניגט און ווערן ווי א געצייג אין זיינע הענט, עס צו קענען נוצן פאר עבודת השם, אבער אויב איז ליידער די גשמיות דער בעל הבית, וועט אלעס זיין אונטער אים און אויך ווען ער וועט עוסק זיין אין עבודת השם, ווי מאכן א ברכה, וועט ער אויך זיין אין דינסט פון די גשמיות.

דאס איז די נקודה וואס א איד לערנט ארויס פון די סוכה. די מצוה פון סוכה איז א דערמאנונג פאר אים אז די וועלט איז נאר א צייטווייליגער זאך, אז עס גייט אריבער, אז עס לוינט זיך נישט איר צו דינען און ארייגלייגן אין איר קאפ און מח, נאר מען זאל שטעלן די רוחניות, דאס וואס מען נעמט מיט, דאס איז וואס איז 'קבע' מיט זיך און אזוי ארום וועט מען זוכה זיין אז השי"ת זאל אונז העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין אויסצובעטן א גוט יאר און זוכה זיין צו א יאר פול מיט דביקות, ווי דער פסוק זאגט שוין 'ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## דער שיעור קבוע

## וואס האט געראטעוועט פון די שאדנס

פאר עטליכע יאר אין איין ציה האלט שוין אן מיין תורה'דיגע חברותא. מידי שבת בשבתו וועל איך האבן די זכיה צו לערנען אינאיינעם מיט א חשוב'ער איד, א תלמיד חכם, אן עלטערער איד, מיטוועמען כ'לערן א גאנצער וואך אין כולל.

אויך ווען עס איז געפאלן שבת חול המועד סוכות האבן מיר געהאט אפגעמאכט אז מיר גייען אנהאלטן אונזער קביעות און לערנען צוזאמען, אבער ווען עס איז געווארן שפעט און דער איד איז נישט אנגעקומען, האב איך אנגעהויבן ווערן באזארגט.

אינדרויסן איז געווען קאלט, שארפע ווינטן האבן געבלאזן און איך האב זיך אנגעהויבן איינרעדן אז זיכער וויל דער איד נישט ארויסגיין אין די גאסן אין אזא שווערע וועטער, נאך אלעם איז ער אן עלטערע איד, איך האב באשלאסן אז עס איז א שאד צו ווארטן, ליבערשט וועל איך אהיימגיין אין שטוב.

אהיימגייענדיג טרעף איך מיין טאטע און כ'דערצייל אים אז היינט איז מיין חברותא נישט אנגעקומען, און כ'שמועס אויס צו אים אז לכאורה איז ער נישט געקומען צו גיין וועגן די שווערע וועטער.

"אז ער איז נישט געקומען צו דיר, אפשר איז כדאי אז דו זאלסט גיין צו אים", האט מיין טאטע מיר פארגעשלאגן, צולייגענדיג אז עס איז נישט כדאי אז מיר זאלן מבטל תורה זיין.

די עצה איז מיר געפאֵלן. נאך אלעם וואוינט נישט דער איד אזוי ווייט, איך בין אריבער צו אים אין שטוב און אנגעקלאפט אין איר. מען האט געעפענט דער טיר און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד איז פשוט פארשלאפן.

אין איילעניש איז דער איד ארויס פון בעט און געזאגט אז ער קומט שוין צו גיין, אבער דא האט פאסירט א מאדנע זאך. אין די רגע וואס ער איז ארויס פון בעט האט א שווערע ברעט וואס איז געלעגן העכער אים געקראכט אויף די גענויע ארט וואו ער איז פריער געשלאפן.

ווען ער בלייבט ווען דארט ליגן, וואלט עס חלילה געפאלן אויף זיין קאפ און די שאדן וואלט געווען גרויס.

מען האט געזען בחוש וויאזוי ער איז ניצול געווארן אין זכות פון די תורה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה ח.ב.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

## די עבודה פון שמחה

לרגל דער הייליגער יום טוב וואס עס איז א מצוה צו זיין בשמחה און מקיים זיין די מצוה פון 'ושמחת בחגך' ברענגען מיר דא אראפ געקליבענע שטיקלעך פון דער ספר 'טיב השמחה', וואו מורינו שליט"א איז מאריך ארומצורעדן איבער די עבודה פון שמחה, און ווי וויכטיג זי איז אין די טעג.

->•<-

## גילו ושמחו בה' אלקיכם / די עבודה פון שמחה

עס איז נישט קיין סוד פאר קיין איינעם אז דער לעבן פון א מענטש אויף די וועלט איז א צייטווייליגער זאך. מען איז דא אויף די וועלט פאר עטליכע יארן און ענדע שיידט מען זיך פון די וועלט און מען גייט ארויף צום עולם העליון. עס האט זיך נאך קיין איינער נישט ארויסגעדריידט פון די גזירה פון מיתה און ווייל עס וועט קומען צוגיין א טאג, ווען מען וועט פאדערן פון יעדן איינעם פון אונז א חשבון אויף זיין לעבן איז וויכטיג אז מיר זאלן זיך גרייטן דערויף און זען וואס מיר קענען מתקן זיין אויף די וועלט.

מען קען רעדן פון אסאך זאכן, אבער איינס פון די שטערקסטע יסודות פון א מענטשליכער לעבן איז די נושא פון שמחה של מצוה, דער זיך פרייען ווען מען טוט א מצוה, סיי ווען מען טוט עס, און סיי שפעטער.

די נושא פון שמחה של מצוה איז סיי א גרויסער זאך פאר זיך אליין אבער עס איז אויך א שטארקער מפתח פאר'ן זיין אן ערליכער איד. ווען א איד האט שמחה של מצוה קען ער דערגרייכן זייער הויך אין עבודת השם. דאגעגן ווען עס פעלט אים די נקודה, פעלט אים די כוחות צו קענען ארויפגיין העכער אין עבודת השם.

->•<-

## די בעסטע חינוך פאר די קינדער / שמחה של מצוה

ביז אהער האבן מיר גערעדט וועגן די מעלות וואס די שמחה של מצוה איז פאר'ן איד אליין, אבער נאך גרעסער פון דעם און אפשר נאך קריטישער פון דעם איז עס ווען עס רעדט זיך פון חינוך הבנים.

ווען קינדער זען ביי זייער טאטע א שמחה של מצוה, א צופרידנקייט אין דער עצם מציאות אז מען איז א איד, א גליקליכקייט ביי א מצוה, פאר א דאווענען און נאך א דאווענען, ווערט אויטאמאטיש זייער עבודת השם גרינגער און געשמאקער.

דאס איז סיי ביי קינדער וואס גייען אויפ'ן דרך השם, אבער נאך וויכטיגער ווען דער קינד איז וואקעלדיגער אין עבודת השם, חלילה. ווען א קינד זעט ווי זיין טאטע האט א חיות אין א מצוה, אז עס איז גוט צו זיין א איד, אז עבודת השם איז א גוטער זאך, וויל ער נאכגיין אין די וועגן פון זיין טאטע, אבער ווען א קינד זעט ביי זיין טאטע א שוואכקייט, א קלאגעניש, א פוילקייט ווען עס קומט צו עבודת השם, גייט עס אריבער צו אים די געפיל, די עבודת השם ווערט ביי אים א מוטשעניש, א שוועריגקייט, וואס ער וויל נאר אראפווארפן פון זיך ה"י און אפילו אז ער ווארפט עס נישט אראפ פון זיך, וועט ער עס מאכן מיט א כבידות.

אין די נושא איז דא א ספעציעלער רפיון אין דעם דור. די קינדער זעען נישט גענוג די שמחה של מצוה, סיי ווייל עס איז פעלעריג ביי די עלטערן און אפילו אז עס איז יא דא, וועלן די עלטערן עס נישט אייביג ארויסווייזן, נישט ווייסנדיג און פארשטייענדיג די חשיבות פון די זאך.

מען טאר נישט פארגעסן דעם דור אין וואס מיר לעבן, עס איז א דור פול מיט תענוגים, די גשמיות איז אסטראנאמיש גרויס, גרעסער ווי ער איז אייביג געווען, און אז מיר וועלן אריינלייגן כוחות אין דעם הינזיכט קענען מיר זיך שפארן אסאך הארץ-ווייטאג. עס פאדערט זיך אז מען זאל עס אריינלייגן ביי זיך אין הארץ, און עס אויך איבערגעבן פאר די קינדער.

די נקודה איז וויכטיג ביי יעדן איינעם אבער נאך וויכטיגער איז עס ביי די אידן וואס זענען זוכה צו זיין פון די יושבי אוהל און לערנען באהלה של תורה. זיי דארפן געדענקען ארויסצווייזן די שמחה אין שטוב אז זיי זענען זוכה צו זיצן על התורה ועל העבודה און זען בנועם ה'.

->•<-

## שמחה איז מונע קנאת הלב

נאך א מעלה וואס שמחה האט, איז אז ער מונע קנאת הלב פון א איד אויף א צווייטן.

דער שורש פון קנאה איז דאך אז מען איז נישט צופרידן פון זיך אליין, אבער אז א איד שעפט ארויס הויפענעס פון שמחה פון די מצוה אין וואס ער איז עוסק, איז ער נישט מקנא א צווייטן איד, ער איז צופרידן מיט זיך אליין.

די נקודה פעלט היינט זייער אסאך אין די וועלט. מען לעבט אין א פאריאגטער וועלט. דער דורכשניטליכער איד האט נישט קיין צייט און נישט די רואיגקייט צו מאכן די ריכטיגע מאס התבוננות, און וועגן דעם קומט מען נישט אן זיך אפצוטרייסלען פון די שלעכטע מידות, אבער אז מען וואלט זיך יא מתבונן געווען וואלט מען אנגעקומען צו די הויכע דרגה און מען וואלט ווען נישט מקנא געווען א צווייטן איד.

->•<-

## 'שמחה של מצוה' פון די יסודות החסידות

עס איז ידוע אז די נושא פון שמחה ביי א מצוה איז איינס פון די שטערקסטע און די חשוב'סטע יסודות איבער וואס דער הייליגער אור שבעת הימים, דער בעל שם טוב הק', האט אוועקגעשטעלט די 'חסידות' באוועגונג.

די נושא ווערט מערערע מאל אראפגעברענגט אין זיינע ספרים און אויך בשם זיינע הייליגע תלמידים, אבער מיט א קלארקייט ווערט עס ארויסגעשריבן אין דער ספר בעל שם טוב פרשת נח אות א'.

דארטן ווערט אראפגעברענגט בשמו מיט דער לשון פון 'שמעתי ממורי' אז א איד ווערט אנגערופן 'צדיק' אין דער סוד פון 'צדיק יסוד עולם', ווען ער איז זוכה און ער האט א תענוג גדול אין עבודת השם יתברך.

עס איז אויך ידוע אז די עבודה האט נאכגעשלעפט אסאך אידן נאך די באוועגונג פון חסידות, ווערנדיג באאיינדרוקט פון די שמחה וואס די חסידים האבן ווען זיי זענען עוסק אין עבודת השם.

->•<-

## שמחה ברענגט צו רוח הקודש און צו נבואה

פון די מעלת השמחה איז אויך, אז עס ברענגט צו דער מענטש צו גרויסע השגות און אפילו צו רוח הקודש און נבואה, ווי דער ספר הברית זאגט שוין (חלק ב' מאמר י"ד האהבה והשמחה פרק ט') און דאס זענען זיינע ווערטער אין אידישע איבערזעצונג: ווי גרויס און מכובד איז די מעלה פון שמחה און ווי גרויס איז איר סגולה, אז עס ברענגט צו דער מענטש צו רוח הקודש, צו נבואה, ווי באליבט איז עס ביי איר און ווי שטארק איז ער מקפיד אויף איר, און וועגן דעם זיי דו אויך פון די וואס פרייען זיך אין השי"ת, פריי זיך און זיי גליקליך מיט דיין גאנצע הארץ אין זיין ליבשאפט, כִּי חֶדְוַת הַשֵּׁם הִיא.

->•<-

# שמחת תודה
## כ"ב תשרי תשפ"ב

הזמנים לפי אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:43 |
| מוצש"ק | 6:53 |
| ר"ת | 7:34 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:47 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:32 | סוז"ת ב' | 10:30 |

הזמנים לפי שעון קיץ

תולה געווען עולמו אין אים, אז יעדע מעשה וואס ער טוט שאקלט וועלטן, וועט ער ווערן פון דעם שטארק בשמחה און זיך אנהייבן שעצן שטארק און לעבן מיט א שמחה של מצוה.

->•<-

## שלא עשני גוי – דער איד קעגן דעם גוי

די געדאנק איז אויך נוגע ווען א איד איז זיך מתבונן ווי ער קוקט אויס קעגן דעם גוי און דאס אליין ברענגט אריין אין א איד א שמחה עלאה.

אויפ'ן צדיק רבי נטע ציינווירט זצ"ל דערציילט מען אז ער פלעגט זיך אויסדרוקן אז ווען ער מאכט די ברכה שלא עשני גוי – מאכט ער עס נישט אויפ'ן פשוט'ן גוי, ווייל דער גוי איז דאך גארנישט מיט גארנישט, ער האט אינזינען דעם אמעריקאנער פרעזידענט, ווייל אויך ער וואס האט כבוד און גרויסקייט און איז א געלערנטער מענטש, קומט נישט אן צו די דרגה פון דעם קלענסטן איד.

בשם דער צדיק הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע זאגט מען נאך, אז די גרעסטע חטא פון א איד איז אז ער פארגעסט אז ער איז א בן מלך. די תוה"ק רופט אונז קינדער ווי עס שטייט אין פסוק 'בנים אתם לה' אלוקיכם' (דברים י"ד, א'), און די זעלבע זאך שטייט [דברים ל"ב, ב') 'הלא הוא אביך קנך', און אזוי זעט מען אויך אז די שכינה הק' ווערט אנגערופן די מאמע, ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה פרק נ', א') 'וּבְפִשְׁעֵיכֶם שֻׁלְּחָה אִמְּכֶם', און ווען א איד לעבט מיט די הרגשה ווערט ער פול מיט שמחה.

->•<-

## א שטארקע התבוננות

אסאך מאל וועט א איד זאגן אז איך האב זיך שוין מתבונן געווען אין דעם און איך בין נישט אנגעקומען צו קיין שמחה, אבער די תשובה איז אז עס גייט נישט מיט איינמאל, עס פאדערט זיך פון אונז אסאך התבוננות. אז מען וועט זיך מתבונן זיין איינמאל און נאכאמאל וועט עס אריינגיין אין קאפ.




אזוי אויך פאדערט זיך אז מען זאל לערנען די ספרי מוסד ווי ארחות צדיקים אינעם שער השמחה און אין נאך ספרי קודש, וועט עס ענדע אריינגיין אין דעם מענטש.

עס דארף זיין א חזרה אין התבוננות, און אויך אין דעם דיבור. מען דארף זיין איינגעוואוינט צו רעדן דברי הלל והודאה צום בורא כל העולמים אז ער איז א איד, און אז ער איז געבוירן געווארן צו ערליכע עלטערן שומרי תורה ומצוות, ווייל ליידער איז נישט יעדער זוכה דערצו, אז ער קען לערנען, אז ער האט זוכה געווען צו ווערן נתקרב צום רבוש"ע.

אז ער וועט זיך איינגעוואוינען אין דעם וועט עס אנהייבן שיינען ביי אים און ער וועט ווערן אנגעפולט מיט שמחה, און ער וועט זוכה זיין צו זיין אמת'דיג בשמחה.

## די עצה אנצוקומען צו שמחה

נאך דעם וואס מיר האבן ארומגערעדט איבער די גרויסע מעלה פון שמחה און וואס מען קען אלץ דערגרייכן דורך שמחה, לאמיר זען וויאזוי קען מען אנקומען צו שמחה.

ווי עס איז באקאנט איז די מידה פון שמחה נישט אזוי גרינג צו דערגרייכן, און וועגן דעם איז די ערשטע עצה וואס א איד קען טון אנצוקומען צו שמחה איז תפילה, צו מתפלל זיין פאר'ן בורא כל העולמים, אז מען זאל אנקומען צו די מידה פון שמחה.

אזוי אויך פעלט זיך אויס דער רצון, אז א איד זאל גלוסטן אנצוקומען צו שמחה, ווייל נאר אז א איד וועט משתוקק זיין צו שמחה וועט ער מתפלל זיין דערויף פון טיפעניש פון הארץ און ממשיך זיין אויף זיך די שפע פון הימל, צו קענען דינען השי"ת מיט שמחה.

->•<-

## טראכטן פרייליכע מחשבות

א פראקטישער וועג פאר שמחה איז התבוננות. דורך וואס א מענטש וועט זיך מתבונן זיין אין זיך אליין און קוקן אויף די גוטע חלקים וואס ער פארמאגט, וועט ער צוקומען צו שמחה.

דער געדאנק דערונטער איז, אז די הרגשה פון שמחה אדער דאגעגן פון עצבות, איז א געפיל, און די געפילן פון א מענטש קומען פון די הארץ. אז מען וויל עס באהערשן זאל מען משליט זיין דער מח על הלב און אזוי ארום וועט מען אנקומען צו שמחה.

דער געדאנק ווערט אויך מבואר אין ספר התניא [פרק יב], וואו עס שטייט אז א מענטש דארף משליט זיין דער מח על הלב, און אז מען קען נוצן די עצה אויך לגבי די הרגשים.

אבער דער מענטש דארף צו וויסן אז דאס איז נישט עפעס וואס געשעט פון זיך אליין, נאר עס פאדערט זיך פון דער מענטש אז ער זאל מקדיש זיין צייט פאר די התבוננות, און אין די צייט וועט ער עוסק זיין אין די נושא און מכניע זיין דעם יצר פון עצבות און אים באהערשן.

->•<-

## די מתנה וואס מיר האבן – די הייליגע נשמה

רעדנדיג וועגן התבוננות אין די גוטע חלקים וואס מיר האבן, איז וויכטיג מדגיש צו זיין אז א נקודה וואס קען דערהייבן דעם מענטש איז דער אריינטראכטן פון וואו מיר שטאמען און איבער די הייליגע נשמה וואס מיר האבן באקומען פון הקב"ה.

ווען א איד וועט זיך מתבונן זיין אין די הויכע נשמה וואס ער האט, אז ער איז מזרע אברהם יצחק ויעקב, אז דער בורא כל העולמים האט

## וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ!

**לכבוד די געבענטשטע פרייליכע טעג פונעם "זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ", שטעלן מיר דא צו פאר די חשוב'ע ליינער א קראנץ "טיב המעשיות" וואס האבן א שייכות מיט פארשידענע ענינים אין די הייליגע צייטן אין וועלכע מיר געפינען זיך. – געקליבן פונעם גרויסן אוצר פון רבינו שליט"א, פון זיינע שיחות קודש, און פון זיינע הייליגע ספרים, כברכת ה' עלינו. מיט א וואונטש פאר "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ, וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ" – א פרייליכן יום טוב!**

### די דורכפעלער און די יסורים – א צוגרייטונג פאר די ישועה!

אין די הפטרה פון פרשת האזינו, שטייט אין פסוק "מְהֻלָּל אֶקְרָא ה' וּמֵאֹיְבַי אִוָּשֵׁעַ – כִּי אֲפָפֻנִי מִשְׁבְּרֵי מָוֶת" (ש"ב כב, ד-ה). דער פסוק זאגט, אז דאס וואס 'מְהֻלָּל אֶקְרָא ה'" – איז דערפאר 'כִּי אֲפָפֻנִי מִשְׁבְּרֵי מָוֶת'. פשוט-פשט מיינט עס, אז איך לויב דעם אויבערשטן וואס ער האט מיר ארויסגעקליבן און איך בין געראטעוועט געווארן פון זיי. אבער צומאל איז דווקא פון די ברעכונגען פון טויט זעלבסט, איז 'מְהֻלָּל אֶקְרָא ה'', איך לויב השי"ת ווען עס ווערט מיר קלאר אז דווקא די ברעכונגען וואס האבן מיר אריינגענומען, זענען געווען די סיבה וואס האט צוגעפירט מיין רעטונג! – אזוי ווי די פאלגנדע מעשה וואס איר וועט יעצט ליינען בעזרת השי"ת.

עס האט מיר דערציילט אַן איש נאמן, א וואונדערליכער נס וואס איז אים געשען, און בְּדִידֵיהּ הֲוֵי עוּבְדָא.

איין טאג, ווען ער איז געפארן מיט זיין בייזיק (בייק), האט ער זיך אריינגעהאקט אין עפעס, און איז אראפגעפאלן אויף דער ערד, כאפנדיג זייער א שטארקע קלאפ. אראפפאלנדיג האט ער זיך צובראכן דעם געביין פונעם קאפ ל"ע. ער איז גלייך געפירט געווארן מיט אן אמבולאנס צום טראומא-צימער אינעם שפיטאל, פון וואו מען האט אים געשיקט צום אפעראציע צימער, וויבאלד מען האט קלאר געזען אז מען מוז אים שוין אפערירן אויפן קאפ!

אבער צום גרויסן וואונדער, אין לויף פון א געווענליכע רענטגען (עקס-רעי) וואו מען האט פאטאגראפירט זיין קאפ פון אינעווייניג, איז פלוצלונג אויפגעקומען א שרעקליכער זארג איבער א 'פרעמדער געוואוקס' וואס ענטוויקלט זיך, רחמנא ליצלן, אין זיין קאפ!

גלייך האט מען אנגעהויבן לויפן מיטן חולה פאר פארשידענע קריטישע טעסטן דורך ספעציעלע מאשינען, און דורכקוקן זיין קאפ פון אלע זייטן, אריינגערעכנט א ביאפסיע אונטערזוכונג און א סי-טי-קאפ אונטערזוכונג און נאך. – נאך די אלע טעסטן האט מען געזען קלאר, אז עס איז ווידקליך דא א געפארפולע געוואוקס פונעם שרעקליכן קרענק אין זיין קאפ, לא עלינו.

דער וויכטיגער אפעראציע איז יעצט געווארן פילפאכיג וויכטיג!! – דאס ערהוילן פונעם בראך אינעם קאפ, איז געווען בלויז א מינדערוויכטיגער טייל אינעם אפעראציע... פאר לאנגע שעה'ן האבן זיך פראפעסארן געפלאגט ארויסצונעמען און אויסצורייסן יעדן ברעקל פונעם שרעקליכן געוואוקס, ביז זיין קאפ איז געבליבן אינגאנצן ריין!

דער אפעראציע איז ברוך השם דורכגעגאנגען מיט גרויס הצלחה! נאכדעם וואס דער איד האט זיך ערהוילט פונעם אפעראציע, און איז דורכגעגאנגען א רייע פרישע און לאנגע טעסטן, האט דער געזיכט פונעם פראפעסאר געשיינט מיט פארלייכטערונג, און צום ערשטוינטער פאציענט האט ער געזאגט: וויסן זאלסטו מיין טייערע, אז א גרויסער נס איז דיר געשען מיטן אראפפאלן פונעם בייזיק און צוברעכן דיין קאפ!

ווייל אין זכות פון אט דעם פשוט'ן בראך, איז אונז אנטפלעקט געווארן דעם שרעקליכן געוואוקס וואס דו האסט געהאט אין קאפ! – דאס איז געווען א געפערליכע געוואוקס וואס מען געפינט נאר זייער זעלטן, און דער עיקר סכנה וואס עס טראגט מיט זיך, איז דאס וואס פון אנהייב פילט מען עס בכלל נישט!

און דער דאקטער האט פארגזעצט: אין אנהייב הייבט עס אן וואקסן אינעם מענטשליכן קערפער, ווען דער מענטש גייט אן כמעט אזוי ווי ביז דעמאלטס, אן קיין ווייטאגן. דער מענטש קען אזוי לעבן פאר עטליכע יאר אינדערצייט וואס דער שרעקליכער געוואוקס געפינט זיך אין אים, אנדעם וואס ער זאל בכלל וויסן אז ביי אים אינעווייניג געפינט זיך עפעס וואס מאכט דארט א געפערליכן חורבן!

דער וואס האט רח"ל אזא געוואוקס, געפינט זיך אין אסאך א גרעסערער געפאר ווי איינער וואס האט אן אנדער סארט געוואוקס, וויבאלד מיט דער צייט ווערט דער שרעקליכער קרענק מער און מער צושפרייט אינעם קערפער, אנדעם וואס דער מענטש זאל עפעס שפירן, און פלוצלונג קען עס באהערשן דעם מענטש זייער שטארק, און שעדיגן די וויכטיגסטע גלידער פונעם מענטש, און ער שטארבט גלייך, רח"ל!

אין דיין פאל, איז דער דאקטער געקומען צום אויספיר, איז פונקט אזא סארט געוואוקס ענטוויקלט געווארן אין דיין קאפ, אן צו געבן קיין שום ווארענונג צייכנס פון פריער! אזוי האט ער אנגעהויבן זיך צו פארשפרייטן אינעווייניג, און אויב וואלט עס אזוי געגאנגען ווייטער, וואלט עס פריער אדער שפעטער אנגעקומען צום מח און עס געשעדיגט אזוי שטארק, אז דער מענטש וואלט גלייך געשטארבן!

אבער יעצט, האט דער דאקטער אפגעאטעמט, אין זכות פון דעם בראך און די טעסטן וואס מיר האבן געמאכט אויף דיין קערפער, איז אנטפלעקט געווארן דעם שרעקליכן געוואוקס וואס האט זיך ענטוויקלט אין דיין קאפ און האט געדראעט אויף דיין לעבן! – אצינד ווייזן ב"ה אלע טעסטן, אז דער אפעראציע איז געוואלדיג געלונגען! דיין קאפ איז אינגאנצן ריין! וואונדערליכע ניסים זענען געטון געווארן פאר דיר!!!

דאס איז וואס דוד המלך זאגט אין די הפטרה פון פרשת האזינו, און אין ספר תהלים (יח, ד-ה), אז טאקע אויף דעם וואס "אֲפָפוּנִי חֶבְלֵי מָוֶת" – אויף דעם זעלבסט איז "מְהֻלָּל אֶקְרָא ה'"! ווייל די ברעכונגען און די יסורים אליין זענען א סיבה פארן גוטס פונעם מענטש, אזוי ווי מען האט דאס קלאר געזען אינעם אויבנדערמאנטן פאסירונג.

און אויך ווען דאס ווערט נישט קלאר אנטפלעקט, זענען מיר דאך מאמינים בני מאמינים, אז דאס גאנצע תכלית פון די יסורים איז בלויז פאר די טובה פונעם מענטש! און אויך אויב יעצט זעט מען נאכנישט זייער גוטס, וויבאלד עס איז פארהוילן און באהאלטן, פונדעסטוועגן, שטענדיג און צו יעדער צייט "מְהֻלָּל אֶקְרָא ה'"!

(שיחה פרטית י"ג טבת תשע"ב)

◆ ◆ ◆

### נישט די מתנה דארף זי האבן, נאר דאס אויפמערקזאמקייט!

דער הייליגער רמב"ם שרייבט (פ"ו מהל' יו"ט הל' יז-יח): אין די אכט טעג פונעם יום טוב דארף מען זיין פרייליך און אויפגעלייגט, צוזאמען מיט די ווייב און קינדער און הויזגעזינד. און דער רמב"ם ערקלערט אז די פרויען דערפריידט מען דורכן קויפן שיינע קליידער און צירונגען פאר זיי לויט זיין מעגליכקייט.

עס האט דערציילט מיין קרובה, די אשת חבר פון הרה"צ רבי דוד באטעלמאן זצ"ל (אייניקל פון מיין גרויסער זיידע הגה"צ רבי גמליאל רבינוביץ זצוק"ל, ראש ישיבת קישינוב), וועלכע איז געווען אן אלמנה פון איר מאן העכער פופציג יאר! האט זי דערציילט אז אין אנהייב נאך זייער חתונה איז זייער מצב הפרנסה געווען זייער שווער, און קוים וואס זיי האבן געהאט דאס מינימום וואס מען דארף האבן אויף צו לעבן, אבער פונדעסטוועגן זענען זיי געווען צופרידן מיט זייער טייל!

איין יאר, אין די טעג פארן הייליגן יום טוב, זייענדיג פארנומען מיט די פילע און פארשידנארטיגע הכנות צום יום טוב, איז איר מאן צוגעגאנגען צו איר מיט א ברייטן און ליכטיגן שמייכל אויף זיין געזיכט, און זיך ענטשולדיגט פאר איר, בעטנדיג מחילה וויבאלד ער איז איר עפעס שולדיג... און צום באדויערן איז אים נישט מעגליך צו באצאלן דעם חוב!

זיין חשוב'ע רעבעצן איז זייער איבערראשט געווארן, וויבאלד זי האט נישט געוואוסט פון קיין שום חוב וואס זיי זענען שולדיג, וויבאלד זיי האבן אלעמאל שטארק אכטונג געגעבן זיך צו צוריקהאלטן פון חובות, און האבן זיך איינגעצוימט און געשפאָרט וויפיל זיי האבן נאר געקענט... מיט וואונדער האט

זי געפרעגט: וואס ביסטו שולדיג?

האט איר מאן געענטפערט מיט א שמייכל: דער הייליגער רמב"ם ערקלערט דאך, אז דער מאן איז מחויב צו קויפן א קלייד אדער א צירונג פאר זיין ווייב לויט זיין מעגליכקייט, כדי איר צו דערפרייען לכבוד יום טוב! אזוי ווערט אויך גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תקכ"ט ס"ב).

נאר, האט ער אויסגעפירט, אז וויבאלד אז דער יעצטיגער מצב ערלויבט אים נישט "כפי ממונו" עפעס צו קויפן, אזוי ווי זי ווייסט דאך אז ער פארמאגט גארנישט, דעריבער בעט ער איר אז זי זאל אים מוחל זיין בלב שלם אויפן חוב וואס ער איז איר שולדיג...

און די רעבעצן האט אויסגעפירט, אז פאר צענדליגער יארן נאך די פטירה פון איר מאן, האט זי נאך געפילט דעם זיסן געשמאקן געפיל און דעם גוטן טעם פון אט די ווארימע ווערטער, וועלכע זענען ארויסגעקומען גלייך פונעם לויטערן הארץ פון איר מאן, און זענען אריינגעגאנגען גלייך אין הארץ... און זי האט געזאגט אז אט די גוטע און קלוגע רייד וועלכע זענען געזאגט געווארן מיט ליבשאפט און מיט ווייכקייט, זענען ווערד געווען פאר איר מער ווי די טייערסטע מתנה!

צום באדויערן, האבן אסאך מענטשן א טעות אין אט דעם פשוט'ן 'סוד'... זיי קויפן פילע מתנות פאר זייערע פרויען, אויסגעבנדיג אסאך געלט דערפאר! נישט פארשטייענדיג אז די פרוי דארף נישט די מתנה זעלבסט, נאר דאס ווארימע הארץ און אויפמערקזאמקייט וואס געפינט זיך אינעווייניג... דאס ווענדט זיך בכלל נישט אינעם פרייז פון די מתנה, אפילו אויב עס איז זייער טייער!

און אזוי זאגן חז"ל (ב"מ פט:): רבא האט געזאגט צו די מענטשן פון די שטאט מחוזא, האלטס טייער אייערע פרויען כדי איר זאלט רייך ווערן. פון דעם זעען מיר אז דער עיקר וואס די פרוי דארף האבן, איז דאס כבוד און שעצונג וואס איר מאן האלט איר טייער און שעצט איר אמת'דיג און מיט ליבשאפט.

דאס איז טאקע די וואונדערליכע סגולה פאר פרנסה וואס די הייליגע גמרא האט אונז געגעבן אין די הענט – מיטן מכבד זיין די ווייב! און פון דעם קומט אויס, אז די סיבה פון שוועריגקייטן אין פרנסה, חלילה, קומט מערסטנס צוליב גרינג-האלטן אדער נישט גענוג שעצן אמת'דיג דעם כבוד פון די פרוי.

(טיב השידוכין שער הבית פ"ב ס"ק ו)

◆ ◆ ◆

## ערב"ה בגימטריא זר"ע – סגולה פאר ערליכע קינדער, חכמים און צדיקים

ביי די תפילה וואס מען זאגט בשעת'ן צוזאמבינדן דעם לולב, זאגט מען: "וְתִתֵּן לָנוּ זֶרַ"ע כָּשֵׁר וְחָכָם וְצַדִּיק, שֶׁעוֹלֶה עֲרָבָ"ה" (ספר שערי ציון, וספרי גורי האר"י ז"ל).

די ערבה ענטהאלט א וואונדערליכע סגולה אין זיך, פאר גוטע קינדער, און בפרט אינעם "יום עֲרָבָה", וואס דאס איז הושענא רבא. אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אינעם ספר הליקוטים (פר' בלק פרק כג) אז דאס האט חנה מרמז געווען אין איר תפילה (ש"א א, יא) 'וְנָתַתָּה לַאֲמָתְךָ זֶרַע אֲנָשִׁים', און עֲרָבָ"ה באטרעפט בגימטריא זֶרַ"ע.

און אין ספר פרי עץ חיים שטייט (שער הלולב פ"ו) אז דאס איז דער סוד פונעם פסוק וואס יוסף הצדיק האט מגלה געווען (בראשית מז, כג): "הֵ"א לָכֶם זֶרַע", וואס דאס איז מרמז אויף די פינף ערבה צווייגן (אום הושענא רבא), וועלכע זענען מסוגל צו ברענגען זרע. און אין ספר אמרי פנחס (שער ד' שבת ומועדים אות קט"ו) ווערט געברענגט א מעשה וואס איז געווען ביי א פארפאלק וועלכע האבן נישט געהאט קיין קינדער, און דער מאן האט געזאגט צו זיין ווייב אז זי זאל קאכן די ערבה, און זיי האבן געבוירן קינדער.

◆ ◆ ◆

מרן הגאון האדיר רבי פנחס עפשטיין זצוק"ל ראב"ד פה עיה"ק ת"ו, איז געווען מיט זיין געוואלדיגע אש הקנאות פאר יעדן דבר שבקדושה. זייענדיג דער ראש בית דין פון די העדה החרדית, איז ער אויך געווען פאראנטווארטליך אויפן "וועד הכשרות", און ער איז געווען דער וועלכער פלעגט ארויסגעבן די ספעציעלע "תעודות הכשר" פונעם "הבד"ץ העדה החרדית".

ער פלעגט זייער מחמיר זיין אין די ענינים פון כשרות, און האט זייער שטרענג אכטונג געגעבן אז אלע אנווייזונגען פונעם בית דין זאלן אויסגעפירט ווערן מיטן גרעסטן מאס פונקטליכקייט! – א גרויסן טייל פון די געוואלדיגע הצלחה פונעם הכשר פון דער בד"ץ, אויף וועלכע אלע אידן פארלאזן זיך, קען געשטעלט ווערן לִזְכוּתוֹ.

נישט גרינג איז געווען ארויסצובאקומען פון אים א 'תעודת הכשר', און נישט אויף יעדן פראדוקט האט ער מסכים געווען אז עס זאל טראגן דעם כשרות זיגל פונעם בד"ץ. צום ביישפיל: פאר א באוואוסטער פאבריק פון צוקערלעך האט ער נישט מסכים געווען לייכטערהייט צו געבן א הכשר, טענה'נדיג אז דאס איז נישט קיין עסנווארג וואס מען דארף האבן, אויב אזוי, פארוואס דארף מען טראגן דעם גרויסן אחריות פון געבן א הכשר דערויף, ווען עס איז נישט מער ווי מוֹתָרוֹת... פון וואו האבן מיר א היתר צו פארמאכן די גמרא און נעמען די אחריות אויף ביטול תורה, כדי צו געבן א הכשר אויף אן עסנווארג וואס איז איבעריג?

כדי בעסער אוועקצושטעלן דעם וועד הכשרות, פלעגט רבי פנחס מאכן פון צייט צו צייט א פלוצימדיגן באזוך אין פארשידענע פאבריקן. ער פלעגט פלוצלונג אנקומען צוזאמען מיט די אנדערע דיינים פונעם בית דין און די אנדערע מְמֻנִּים פונעם וועד הכשרות, כדי מיטצוהאלטן פון דער נאנט אויב מען האט אויסגעפאלגט די אנווייזונגען וואס דער בית דין האט געהייסן... נישט איינמאל האט מען גע'פסל'ט גאנצע פאבריקן דורך אזעלכע באזוכן, און זיי האבן פארלוירן זייער תעודת הכשר!

אזוי ווי עס איז פארגעקומען אין א געוויסע 'בעקעריי' אין איינע פון די עלטערע געגנטער אין ירושלים עיר הקודש, וואס אינמיטן אזא בליץ-באזוך האט מען געפינען ווערים אין איינע פון די זעק מיט מעל וואס זענען גרייט געווען צו נוצן. גלייך אויפן פלאץ האט מען גע'פסל'ט די תעודת-הכשר פונעם בעקעריי, און די השגחה איז אראפגענומען געווארן!

ווען דער בעל הבית פונעם בעקעריי האט געזען דעם שווערן מצב, האט ער גלייך גע'חלש'ט, און מען האט אים געמוזט ערוועקן און בארואיגן. ווען דער דיין הגה"צ רבי דוד יונגרייז זצ"ל האט דאס געזען, האט ער רחמנות געהאט אויף אים, און ער האט פארגעשלאגן אז אפשר זאל מען אביסל לייכטער מאכן די באדינגונגען... אבער רבי פנחס האט גלייך קלארגעמאכט דעם ענין, זאגנדיג: דער מצב פונעם מענטש, האט גארנישט צו טון מיט די הלכה, און אויף אזא סארט זאך זאגן חז"ל (סנהדרין עא:): "ימות זכאי ואל ימות חייב!"...

אין אן אנדער געלעגנהייט איז דער ראב"ד געקומען מיט די חברי הבית דין צדק, פאר א פלוצימדיגער באזוך אין א פאבריק, וועלכער האט באלאנגט צו א איד וועלכער איז געווען א תלמיד חכם און ירא שמים, און האט געהאט גרויס דרך ארץ פארן בית דין הגדול. דאס גאנצע צייט וואס די דיינים און ממונים האבן דורכגעקוקט זיין פאבריק, איז ער געשטאנען און געטרייסלט ווי א בלעטל, ווייסנדיג אז פאר א קלייניגקייט וואס זיי געפינען אז מען האט געטון אנדערש ווי די אנווייזונגען פונעם בית דין קענען זיי גלייך פסל'ען דעם פאבריק!

און אט, בסייעתא דשמיא איז ער אריבער דעם פארהער מיט גרויס הצלחה, און די חשוב'ע דיינים האבן נישט געפינען קיין שום פראבלעם אין זיין פאבריק, אלעס האט געקלאפט לויט די אנווייזונגען פונעם בית דין, און די חשוב'ע דיינים האבן הנאה געהאט צו זען אז אלעס איז אזוי ווי עס דארף צו זיין.

ווען דער בעל הבית פונעם פאבריק האט דאס געזען, האט ער געטראכט אז ער וועט אויסניצן די געלעגנהייט וואס מען האט אים צוגעשיקט פון הימל, און איידער די חשוב'ע משלחת האט זיך ווייטער ארויסגעלאזט אין וועג, האט זיך דער איד געווענדן צום ראב"ד און צו די אנדערע דיינים, און ער האט געזאגט צו זיי ווי פאלגנד:

חז"ל לערנען אונז אין די סוגיא פון די תפילה פון חנה (ברכות לא:), צווישן די וויכטיגע הלכות וואס מען לערנט ארויס פון די פסוקים וואס שטייען דארט (שמואל א' יג-יז): "וְחַנָּה הִיא מְדַבֶּרֶת עַל לִבָּהּ וגו', וַיַּחְשְׁבֶהָ עֵלִי לְשִׁכֹּרָה. וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ עֵלִי עַד מָתַי תִּשְׁתַּכָּרִין, הָסִירִי אֶת יֵינֵךְ מֵעָלָיִךְ. וַתַּעַן חַנָּה וַתֹּאמֶר, לֹא אֲדֹנִי, אִשָּׁה קְשַׁת רוּחַ אָנֹכִי, וְיַיִן וְשֵׁכָר לֹא שָׁתִיתִי, וָאֶשְׁפֹּךְ אֶת נַפְשִׁי לִפְנֵי ה'. וַיַּעַן עֵלִי וַיֹּאמֶר, לְכִי לְשָׁלוֹם וֵאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל יִתֵּן אֶת שֵׁלָתֵךְ אֲשֶׁר שָׁאַלְתְּ מֵעִמּוֹ".

און די גמרא לערנט דארט ארויס פונעם פסוק "וַיַּעַן עֵלִי וַיֹּאמֶר לְכִי לְשָׁלוֹם", האט רבי אלעזר געזאגט, אז פון דא לערנען מיר אז אויב איינער האט חושד געווען זיין חבר אין עפעס וואס איז נישטא אין אים, דארף ער אים איבערבעטן. און נישט נאר דאס, נאר ער דארף אים אויך בענטשן, אזוי ווי עס שטייט דארט ווייטער אין פסוק "וֵאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל יִתֵּן אֶת שֵׁלָתֵךְ".

האבן מיר דא א קלארע סוגיא אין די הלכה פון איינער וואס איז חושד אן אנדער איד אין עפעס וואס איז נישטא אין אים, אז נישט נאר דארף ער אים איבערבעטן, נאר ער דארף אים אויך בענטשן. און פון אט די שטארקע הלכה איז געקומען די ישועה פון חנה אז זי האט זוכה געווען צו קינדער, וויבאלד עלי איז געווארן מחויב איר צו בענטשן אז איר וואונטש זאל מקוים ווערן, וויבאלד ער האט איר חושד געווען אין עפעס וואס איז נישט געווען אין איר.

און יעצט, האט דער איד ווייטער גערעדט צו די חשוב'ע דיינים, ווען אין דער זעלבער צייט ברעכט ער אויס אין א ביטערן געוויין – וויבאלד איר זענט אהערגעקומען, דעם גאנצן חשוב'ן פמליא פונעם ראב"ד און די אנדערע דיינים פאר א בליץ-באזוך, כדי נאכצוקוקן מיין פאבריק, און דער אונטערזוכונג איז ברוך ה' דורכגעגאנגען מיט הצלחה, קומט אויס אז אויך איך, אזוי ווי חנה, בין יעצט נחשד געווארן אין די יעצטיגע מינוטן, מיט עפעס וואס איז נישטא

אין מיר!

דער איד האט אויסגעפירט פאר די חשוב'ע דיינים, אז עס איז שוין אסאך יארן וואס ער איז קינדערלאז, און דעריבער טוט ער בעטן דעם חשוב'ן בית דין, אזוי ווי ביי די תפילה פון חנה, אז ער זאל זוכה זיין צו קינדער! וויבאלד דאס איז דאך א הלכה וואס ווערט באשטימט אין די גמרא, וואס ווערט אויסגעלערנט פון חנה און עלי הכהן, אז אויב מען האט חושד געווען איינעם מיט עפעס וואס איז נישטא אין אים, דארף מען אים בענטשן אז דער אויבערשטער זאל ערפילן זיין וואונטש! אויך יעצט, איז מיין וואונטש, אז דער אויבערשטער זאל אונז שענקען קינדער! – האט דער איד אויסגעפירט, מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם.

די דיינים, אין שפיץ פונעם ראב"ד, זענען געשטאנען פארוואונדערט אנטקעגן די גערעכטע און ערליכע טענה וואס דער איד האט געברענגט פון א קלארע שטיקל גמרא! נאך א קורצן באראטונג צווישן די דיינים, און דורכרעדנדיג נאכאמאל דעם טענה פונעם איד, איז ארויסגעגאנגען דער פסק מפה קדשו פונעם ראב"ד, אז נאכדעם וואס דער בית דין האט אויסגעהערט די טענה פונעם איד און זיין פארלאנג, האט דער בית דין געפינען זיינע רייד אלס גערעכט! דעריבער דארף דער בית דין אים מפייס זיין און אים בענטשן אז זיין וואונטש זאל ערפילט ווערן לטובה, וויבאלד מען האט אים חושד געווען אין עפעס וואס ער האט נישט! – און דעריבער טוט אים דער בית דין מבטיח זיין א בן זכר מיטן אויבערשטנ'ס הילף!

און טאקע, אזוי ווי דער בית דין האט גע'פסק'נט, אזוי איז געווען, און קיין האר פון זיינערע הייליגע ווערטער איז נישט אנדערש געווארן! א יאר ארום איז געבוירן געווארן א בן זכר צו אט די משפחה, נאך פילע יארן וואס זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער, ל"ע, און די גאנצע שטאט האט אויפגעשטורעמט מיט די וואונדערליכע נייעס.

אלע דיינים פונעם בית דין און די הנהלה פונעם ועד הכשרות זענען געלאדנט געווארן צום גרויסן שמחת הברית מילה, וועלכע איז געפראוועט געווארן מיט גרויס פאראד. מרן הראב"ד זצ"ל איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, וויבאלד מיט זיין ברכה און הבטחה איז זיי געבוירן געווארן דעם זון!

אינמיטן די שמחה, האט זיך הגה"צ רבי דוד יונגרייז זצ"ל – וועלכער איז געווען איינער פון די דיינים וואס האט זיך באטייליגט דעמאלטס ביי די נסיעה צום פאבריק, און איז געווען איינער פון די מיטגלידער פונעם 'מושב בית דין' וואס האט גע'פסק'נט אז דער איד וועט געהאלפן ווערן מיט א בן זכר – צום ראב"ד רבי פנחס עפשטיין, און האט אים אנטפלעקט, אז דורכאויס די גאנצע צייט, פון ווען זיי האבן ארויסגעגעבן יענעם 'פסק בית דין' וואו זיי זאגן צו א בן זכר פאר דעם איד, איז ער געשטאנען און האט מתפלל געווען כסדר פאר די ישועה פון דעם איד! כדי עס זאל חלילה נישט ארויסגיין קיין פארשוועכונג פארן כבוד פונעם בית דין, וויבאלד ער איז אלעמאל געווען זייער וואַך פארן 'כבוד בית דין' אז עס זאל חלילה נישט פארשוועכט און פארשעמט ווערן!

האט אים רבי פנחס גלייך געענטפערט במתק לשונו און מיט זיין באוואוסטע ענוה: שוין פון די ערשטע מינוט בין איך געווען רואיג, ווייסנדיג אז איר וועט פארגיסן פילע תפילות, און וויבאלד איך האב דאס געוואוסט, האב איך אים צוגעזאגט די הבטחה, ווייל איך האב געוואוסט אז איר וועט זיכער מתפלל זיין פאר זיינעטוועגן...

(שיחה פרטית ב' כסליו תשע"ב)

• • •

## נישט כדי צו דרש'נען דרשות – נאר צו טון למעשה!

### יומא דהילולא דהרה"ק מוהר"ן מברסלב זצוק"ל זי"ע (ג' דחוהמ"ס – י"ח תשרי).

איך האב אמאל געהערט א וואונדערליכע מעשה אויף איינער פון די זקני מנהיגי חסידי ברסלב ע"ה, פונעם פריערדיגן דור, וואס איך האב זייער הנאה געהאט פון די קלארע אויפפאסונג וואס ער האט אראפגעלייגט.

ווען אין א געלעגנהייט, איז צוגעגאנגען צו אים א פרישער יונגערמאן, וועלכער האט עוסק געווען אינעם הייליגן "ליקוטי מוהר"ן" כסדר מיט גרויס התלהבות, אבער יעצט איז ער געבליבן 'שטעקן' ביי א געוויסע שטיקל, וואס ער האט נישט גרונטליך פארשטאנען, און ער האט אנגעהויבן זיך פיל מפלפל צו זיין מיט אים, לכאן ולכאן.

ווען דער עלטערער מנהיג האט דאס געהערט, האט ער געזאגט: אוי, דאס איז דער נייער דור... מען האט נאר אנגעהויבן צו לערנען און שוין וויל מען אלעס פארשטיין... ווען אונז האבן אנגעהויבן לערנען די ספרים פונעם רבי'ן, האבן מיר זיך נישט דערוואגט צו טראכטן אז אונז פארשטייען און זענען משיג די טיפקייט פון זיינע הייליגע רייד וואס זענען הויך און טיף אן א שיעור און גרעניץ! נאר דער עיקר לערנען איז געווען כדי צו וויסן די דרך העבודה למעשה, וואס דער רבי לערנט אונז, און דער עיקר עבודה איז געווען דאס וואס קומט ארויס דערפון, מיטן מקיים זיין יעדע 'תורה' און יעדער מאמר פונעם הייליגן ספר, הלכה למעשה!

אויך אויב אונז האבן נישט אלעס פארשטאנען, צוליב אונזער קורצע פארשטאנען, און צוליב די טיפקייט פונעם רבי'נס חכמה און הייליגקייט! איז דאך דאס נישט געווען אונזער ציל, נאר בעיקר כדי צו לערנען וועגן פון לעבן, להלכה ולמעשה! מיטן אפרעכטן תיקון חצות, התבודדות, און דאס גלייכן. און דא, האט ער אויסגעפירט, קומען די פרישע יונגעלייטלעך פונעם נייעם דור, און ווילן שוין גלייך אלעס קלאר פארשטיין, און משיג זיין דעם טיפקייט פון יעדער זאך!

אין יענע צייטן, האבן די חסידים נישט געזוכט אזויפיל 'אינפארמאציע'... זיי האבן מער ליב געהאט און געהאט מער חשק צו טון די עבודה פון למעשה! זיי האבן נישט געזוכט צו משיג זיין איבעריגע 'השגות'... נאר דער עצם עבודת ה'! – היינטיגע צייטן זוכט מען 'הבנות' אין יעדער זאך, מיט לאנגע פלפולים און מאמרים... אינדערצייט וואס די פריערדיגע חסידים האבן אין יעדער זאך געהערט דעם פנימיות וואס דאס איז דער עיקר, און פארשטאנען דאס וואס מען פאדערט פון אונז יעצט, למעשה!

(קונטרס 'טיב המעשיות' ח"א דף כ"ה)

• • •

## די קדושה פון שמירת עינים

### יומא דהילולא פונעם הייליגן גר"א פון ווילנא זצוק"ל זי"ע (ד' דחוהמ"ס – י"ט תשרי).

עס ווערט דערציילט אויפן גאון רבי אליהו פון ווילנא זצוק"ל, אז ער פלעגט זייער ווייניג ארויסגיין פון זיין הויז, כדי צו היטן אויף די אויגן! – און אויב האט ער צוליב א צורך גדול געדארפט ארויסגיין אין גאס, פלעגט ער צום ערשט דורכלערנען א פרק אינעם ספר מסילת ישרים, דרייצן מאל!

מיר דארפן וויסן אז "מִחוּץ תְּשַׁכֶּל חֶרֶב"! פון יעדן ראיה אסורה, פון יעדע הִסְתַּכְּלוּת וואס טויג נישט חלילה, ווערן באשאפן מחבלים און מזיקים וואס לויפן נאכן מענטש, רחמנא ליצלן, און דאס איז ממש פון יעדן בליק! פון אט אזעלכע עבירות און זינדיגע געדאנקען קומען אלע צרות, יסורים און עגמת נפש וואס דער מענטש ליידט ביי זיין לעבן!

נאר מיטן כח פון אמת'ע 'יראת שמים' קען מען געראטעוועט ווערן פון דעם! ווען מען האט א פחד פונעם אויבערשטן, א פחד פון די הייליגע תורה און א פחד פונעם אמת! ווען מען ווייסט אז יעדע אזא בליק איז ממש אן איסור פון די תורה, און עס איז נורא ואיום! דורכדעם ווערט מען אפגעהיטן אז מען זאל חלילה נישט זינדיגן.

(קונטרס 'טיב המעשיות' ח"א דף כ"ז)

• • •

## א גוטע שמירה אויף חינוך הבנים

### יומא דהילולא פונעם יהודי הקדוש פון פשיסחא זצוק"ל זי"ע (ד' דחוהמ"ס – י"ט תשרי).

איינמאל, אין זייער א קאלטער און פארפרוירענער טאג, ווען אלעס איז געווען באדעקט מיט א פראסטיגער שניי, האט דער יהודי הקדוש זי"ע ארויסגעלאזט אין וועג, אין באגלייטונג פון זיין עלטסטער זון, הרה"ק דער רבי ר' ירחמיאל מפשיסחא זצוק"ל, וועלכער איז נאך דעמאלטס געווען א צען-יעריג אינגל.

זייענדיג אין וועג, נאכן א שווערע נסיעה פון עטליכע שעה אינעם שווערן פראסט, זענען זיי אריינגעגאנגען אין א גאסט-הויז זיך אפצורוען פונעם וועג. ווען דער יונגל האט געזען אז מען דערלאנגט דארט ווארימע 'קארטאפל', האט ער זיך דערנענטערט כדי צו נעמען עטליכע קארטאפל, זיך אביסל צו דערווארימען, און אויך שטילן זיין שווערן הונגער.

ווען דער יהודי הקדוש האט אבער באמערקט אז ער איז אביסל 'געלאפן', כדי צו קענען שנעל עסן די קארטאפל... האט ער אים צוגערופן און אים אויסגע'מוסר'ט: פארוואס ביסטו אזוי געלאפן צו די קארטאפל? מיילע וואס דו דארפסט האבן כדי צו שטילן דיין הונגער און אים דערווארימען, דאס פארשטיי איך, אבער פארוואס זיך יאגן צו די קארטאפל?

אזוי האט דער יהודי הקדוש געהיטן אויף די קדושה פון זיינע הייליגע קינדער, מיט שטארקייט, אזוי ווי עס איז באוואוסט עטליכע פעלער וואס ער האט מחנך געווען זיינע קינדער מיט גרויס שטארקייט און זיי אפגעהיטן מיט א שמירה מעולה.

אזוי געבעט מען אכטונג אויף קינדער! דאס איז א ביישפיל פון חינוך! מיט אזא חינוך, איז נישט קיין וואונדער אז עס זענען ארויסגעוואקסן הערליכע פירות! אזוי ווי עס איז באוואוסט און ברייט באקאנט די געוואלדיגע קדושה פון די קינדער און אייניקלעך פונעם יהודי הקדוש, זכותו יגן עלינו אמן.

(שיחה פרטית י"ט אלול תשע"א)

• • •

## שמחת תורה – א פריי'ליכע סעודה
## לְגָמְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה

עס שטייט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תרס"ט ס"א): דעם לעצטן טאג רופט מען אן 'שמחת תורה', וויבאלד מען פריידט זיך דעמאלטס און מען מאכט א גרויסע סעודה, לְגָמְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה.

אינעם הויז פון איינער פון די גרויסע רבנים אין ירושלים תבנה ותכונן, איז איינגעפירט א שיינעם מנהג, אז ווען איינער פון די בני המשפחה ענדיגט א מסכתא, פראוועט מען א 'סעודת סיום' לִכְבוֹדָהּ שֶׁל תּוֹרָה ביים רב אינדערהיים, און מען מאכט דעמאלטס זייער א שיינע און חשוב'ע סעודה. אלע בני המשפחה, זין, איידימער און אייניקלעך, נעמען זיך צוזאמען צו די סעודה, און צום גרויסן טיש אויף וועלכע עס ווערט אויסגעשפרייט דעם שבת'דיגן טישטוך, ווערט דערלאנגט זייער א שיינע סעודה כיד המלך [ווי דאס ווערט מרומז אין די סוגיא אין מסכת שבת (קיט.) "עבידנא יומא טבא לרבנן"], וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די רעבעצן מיט אירע טעכטער און שנירן וועלכע ארבעטן שווער צו אהערשטעלן א הערליכע סעודה לכבודה של תורה.

די מענטשן פונעם רב'ס משפחה וויסן שוין, אז פון אזא סעודה דערלייגט מען נישט... וואס די סעודה ווערט געפייערט מיט גרויס פרייד, און מיט ליבשאפט, באגלייט מיט פילע געזאנגען און דברי תורה.

דאס איז געווען אין א טאג ביים סוף פון חודש שבט מיט עטליכע יאר צוריק. האט דער איידעם פונעם רב שליט"א זוכה געווען צו מסיים זיין מסכת ערכין, נאך לאנגע חדשים פון עמל ויגיעה עס ריכטיג אפצולערנען, און אלע בני המשפחה זענען געלאדנט געווארן, ווי דער שטייגער, צום סעודה פונעם סיום, וועלכע איז געפראוועט געווארן מיטאג-צייט, ווען די ישיבה לייט רוען זיך אפ, ביים רב אינדערהיים.

אין יענער צייט, האט זיך געדרייט אינעם הויז פונעם רב א בחור, וואס צוליב פארשידענע שוועריגקייטן און פלאנטערנישן, האט ער ליידער פארלאזט די תורה און אירע מצוות רח"ל. שוין מיט א צייט פריער האט ער אויפגעהערט אריינצוקומען אין שול, און אזוי איז ער געגאנגען בארג-אראפ, ביז ער איז אפילו אנגעקומען צו חילול שבת קודש א.ד.ג. זאל דער אויבערשטער רחמנות האבן אויף די צוקלאפטע פארבלאנדזשעטע אידן.

וויבאלד דער בחור האט נישט געפינען קיין פלאץ, אין ישיבה האט ער שוין יארן נישט אריינגעטראטן... אויך אינדערהיים האט ער זיך נישט געפילט רואיג... פלעגט ער אפט קומען צום רב אינדערהיים, וועלכער האט פרובירט אים צו מקרב זיין און מחבב זיין, און אים פרובירן צוריקצוקערן צום טאטן אין הימל. דא אין הויז האט ער זיך געפילט ווי א 'בן בית', באקומענדיג אביסל ווארימקייט און חיזוק פאר זיין צוקלאפטן הארץ און זעל, און דאס איז פאר אים געווען נאך וויכטיגער ווי לופט צום אטעמען... אין איינוועגס האט ער אויך באקומען א ווארימע און זעטיגע מיטאג... וואס 'מפני הכבוד' פלעגט ער פריער בעטן דעם רב, צי ער קען אפשר בארגן א פאר תפילין פאר עטליכע מינוט...

אין יענעם טאג, ווען דער בחור איז אריינגעקומען ביים רב אינדערהיים ווי זיין שטייגער, האט ער זיך זייער געוואונדערט צו זען ווי דאס הויז איז אזוי שיין צוגעשטעלט, עפעס אויסערגעווענדליך, און אלע בני המשפחה קומען צו גיין איינער נאכן אנדערן, ווען עפעס א הייליגער שיין געפינט זיך אויף זייער געזיכט, לִכְבוֹדָהּ שֶׁל תּוֹרָה.

ווען ער האט געפרעגט, וואס די גרויסע שמחה איז, האט אים דער רב דערציילט איבער דער חשוב'ער מנהג וואס זיי האבן, אז מען פראוועט אינאיינעם יעדן סיום וואס איינער פון די בני המשפחה מאכט לְגָמְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה, און ער האט אויסגעפירט: היינט האבן מיר דא א סיום אויף מסכת ערכין וואס מיין איידעם שליט"א האט מסיים געווען, און מיר וועלן זיך אלע שטארק פרייען, אויב דו וועסט דיך אויך באטייליגן דא ביי די סעודה – האט דער רב אויסגעפירט, מיט א ליכטיגן געזיכט!

דער בחור האט זיך זייער געפריידט, הערנדיג דעם פארשלאג פונעם חשוב'ן רב. אויסער די געשמאקע און זעטיגע מאלצייט וואס איז געווען אזוי וויכטיג פאר זיין הונגעריגן קערפער... האט ער נאכמער געדארפט האבן די שמחת הנפש און קירוב הלבבות וואס גיסט זיך ביי אזא סעודה, און דרינגט אריין אין די נשמה כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה... – ער האט זיך באטייליגט ביי די גאנצע סעודה פון אנהייב ביזן סוף, און האט זייער הנאה געהאט פון די שיינע ניגונים און פון די פילע דברי תורה, וואס זענען צוזאמגעפלאכטן געווארן אינעם באקאנטן נוסח פונעם 'הדרן'!

ווען די סעודה האט זיך געענדיגט, האט זיך דער בחור געוואנדן צום רב און אים געזאגט: חשוב'ער רב, איך קען נישט אויסדרוקן מיט ווערטער, מיין געוואלדיגע באגייסטערונג און פרייד וואס איך האב געפילט ביי דעם סיום! און יעצט וויל איך עפעס פרעגן, כאטש איך שעם זיך אביסל דערמיט... – אויב וועל איך ענדיגן א מסכתא, וועט דער רב אויך קומען זיך באטייליגן ביים סעודה פונעם סיום?

אוודאי, אוודאי! האט דער רב גלייך געענטפערט! דו ביסט זייער באליבט און חשוב, גערן וועל איך זיך משתתף זיין ביי דיין סיום!

נאך עטליכע טעג, ווען דער בחור איז נאכאמאל געקומען צום רב'ס הויז, האט ער אים פייערליך דערציילט אז ער האט גענומען די ווערטער פונעם רב מיטן פולסטן ערנסטקייט, און ער האט שוין אנגעהויבן לערנען מסכת ביצה! און ער האט צוגעגעבן, אז כאטש עס איז אים טאקע נישט לייכט, נאכדערצו אין זיין מצב וואס ער איז ליידער אזוי ווייט פון די תורה, אבער מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועט ער אויך פראווען א סעודת סיום מסכתא!

אזוי איז דורכגעגאנגען א האלבע יאר, און אין סוף פונעם חודש מנחם אב, האט דער חשוב'ער בחור זוכה געווען צו מסיים זיין מסכת ביצה בשלימות, פון אנהייב ביזן סוף! – א געוואלדיגע שמחה האט געהערשט אינעם הויז פונעם בחור'ס משפחה, וואו עס איז געפראוועט געווארן א גרויסע סעודה כיד המלך, מיטן באטייליגונג פונעם גרויסן רב, וועלכער האט דארט געלאזט הערן א וואונדערליכע דרשה לכבודה של תורה!

די עלטערן פונעם בחור און די גאנצע משפחה ארום, זענען זייער באגייסטערט געווארן פונעם געוואלדיגן מהפכה וואס איז געווארן אינעם נפש פון דעם בחור, א דאנק דעם סיום. צוזאמען האט זיך יעדער געפריידט כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד, דאנקענדיג דעם טאטן אין הימל פאר זיינע חסדים, און זיך פרייענדיג בְּשִׂמְחַת הַתּוֹרָה!

נאכדעם וואס דער בחור האט געמאכט דעם 'הדרן' מיט גרויס התרגשות, האט אים דער רב אנגעמערקט אז דער מנהג ישראל קדושים איז, אז גלייך נאכן ענדיגן איין מסכתא הייבט מען גלייך אן א נייע מסכתא... און אזוי ווי אום שמחת תורה הייבט מען גלייך אן פרשת בראשית, כדי מען זאל אלעמאל האלטן אינמיטן... און נישט בלייבן חלילה אפילו א רגע אן תורה, אזוי אויך זאל מען גלייך אנהייבן א נייע התחלה.

וויבאלד דער הארץ פונעם בחור איז געווען אפן, מיט די געוואלדיגע שמחת התורה, האט ער גלייך געזאגט: איך הייב שוין אן לערנען מסכת תענית!

און אזוי האט ער ווירקליך געטון, און זיך גענומען לערנען מסכת תענית מיט גרויס התמדה! זאל דער אויבערשטער העלפן, אז ער זאל זוכה זיין ווייטער צו אנהייבן און ענדיגן פילע מסכתות און הייליגע ספרים, לְתִפְאַרְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה וּלְהַאֲדִירָהּ!

(שיחה פרטית ה' אדר תשע"ב – וד' אלול תשע"ב)


על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנצב"ה.

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173